בעזרת השם יתברך

ספר

# אֲשֶׁר הָיָה אֶל יוֹאֵל

דברות קודש וואס מיר האבן
געהאט די זכיה צו הערן פונעם
ראש ישיבה שליט"א בעת סעודה
שלישית פרשת יתרו ה'תשפ"א

ארויסגעגעבן דורך
"קרן הדפסה היכל הקודש"

צו באקומען די און אנדערע ספרים און קונטריסים:

**היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי**
Heichal Hakodesh
Kiryas Breslev
181 Huschke Road
Liberty NY 12747

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh
Williamsburg
27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205
1-718-384-1652

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
Monroe NY 10950
1-845-467-5299

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
Monroe NY 10950
1-845-243-0563

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh
Boro Park
1011 41 Street
Brooklyn NY 11219
1-718-384-1652

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh
Monsey
32 Dolson Road
Monsey NY 10952
1-347-733-7551

www.BreslevCenter.com

צו הערן די הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:

**קול ברסלב**
**212-444-9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212-444-9169**

## חיזוק יומי

**צו באקומען די חיזוק יומי**

**אימעיל**
chizikyomi@gmail.com

**טעלעפאון מעסידזשינג**
347-630-2876

## שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת יִתְרוֹ, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן, בַּיי סְעוּדָה שְׁלִישִׁית הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א פָּארְגֶעלֶערְנְט לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב, סִימָן לד.

זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי:

וַיִּחַדְּ יִתְרוֹ עַל כָּל הַטּוֹבָה (שְׁמוֹת יח, ט).

כִּי אֵצֶל סְתָם בְּנֵי־אָדָם אֵין הַשִּׂמְחָה שֶׁל כָּל הַטּוֹבוֹת בְּיַחַד, כִּי יֵשׁ חִלּוּקִים רַבִּים בְּעִנְיַן הַשִּׂמְחָה. לְמָשָׁל כְּשֶׁבָּאִין עַל חֲתֻנָּה, יֵשׁ מִי שֶׁשָּׂמֵחַ מִן הָאֲכִילָה שֶׁאוֹכֵל, דָּגִים וּבָשָׂר וְכַיּוֹצֵא, וְיֵשׁ אֶחָד, שֶׁשָּׂמֵחַ מִן הַכְּלֵי־זֶמֶר, וְיֵשׁ שֶׁשָּׂמֵחַ מִדְּבָרִים אֲחֵרִים כַּיּוֹצֵא בָּהֶם, וְיֵשׁ שֶׁשָּׂמֵחַ מִן הַחֲתֻנָּה עַצְמָהּ, כְּגוֹן הַמְחֻתָּנִים, שֶׁאֵינָן מַשְׁגִּיחִים עַל אֲכִילָה וּשְׁתִיָּה, רַק שְׂמֵחִים מִן הַחֲתֻנָּה עַצְמָהּ, וְכַיּוֹצֵא שְׁאָר חִלּוּקִים.

אֲבָל אֵין אָדָם שֶׁיִּהְיֶה שָׂמֵחַ מִכָּל הַשְּׂמָחוֹת בְּיַחַד. וַאֲפִלּוּ מִי שֶׁשָּׂמֵחַ מִכָּל הַדְּבָרִים הַנַּ״ל, אַף־עַל־פִּי־כֵן אֵין הַשִּׂמְחָה מִכָּל הַדְּבָרִים בְּיַחַד, רַק מִכָּל אֶחָד בִּפְנֵי עַצְמוֹ בָּזֶה אַחַר זֶה. גַּם יֵשׁ אֶחָד, שֶׁאֵין לוֹ שׁוּם שִׂמְחָה כְּלָל, לֹא מִן הָאֲכִילָה וּשְׁתִיָּה וְלֹא מִשְּׁאָר דְּבָרִים, וְאַדְּרַבָּא, יֵשׁ לוֹ קִנְאָה וָצַעַר, שֶׁמְּקַנֵּא עַל הַשִּׁדּוּךְ, עַל שֶׁזֶּה נִשְׁתַּדֵּךְ בָּזֶה.

אֲבָל שְׁלֵמוּת וְגַדְלוּת הַשִּׂמְחָה הוּא, מִי שֶׁזּוֹכֶה לִשְׂמֹחַ מִכָּל הַטּוֹבוֹת בְּיַחַד. וְזֶה אִי אֶפְשָׁר כִּי־אִם כְּשֶׁמִּסְתַּכֵּל לְמַעְלָה עַל כָּל הַטּוֹבָה, דְּהַיְנוּ עַל הַשֹּׁרֶשׁ, שֶׁמִּשָּׁם נִמְשָׁכִין כָּל הַטּוֹבוֹת. וְשָׁם בְּהַשֹּׁרֶשׁ הַכֹּל אֶחָד, וַאֲזַי שִׂמְחָתוֹ מִכָּל הַטּוֹבוֹת בְּיַחַד,

וְאָז הַשִּׂמְחָה גְּדוֹלָה מְאֹד, וּמְאִירָה בְּאוֹר גָּדוֹל מְאֹד. כִּי עַל־יְדֵי הַכְּלָלִיּוּת שֶׁנִּכְלָל שִׂמְחָה בַּחֲבֶרְתָּהּ, נִגְדָּל בְּיוֹתֵר אוֹר הַשְּׂמָחוֹת.

וְכֵן כָּל מַה שֶּׁנִּכְלָלִין יוֹתֵר רִבּוּי הַשְּׂמָחוֹת זֶה בָּזֶה, נִגְדָּל וְנִתּוֹסֵף אוֹר הַשִּׂמְחָה בְּיוֹתֵר וְיוֹתֵר, כִּי נִגְדָּל וְנִתּוֹסֵף הָאוֹר מְאֹד, עַל־יְדֵי הִתְנוֹצְצוּת

שֶׁמִּתְנוֹצֵץ מִשִּׂמְחָה לַחֲבֶרְתָּהּ. וְכָל מַה שֶּׁיֵּשׁ יוֹתֵר שְׂמָחוֹת שֶׁנִּכְלָלִין בְּיַחַד, נִתּוֹסֵף בְּיוֹתֵר וְיוֹתֵר אוֹר הַהִתְנוֹצְצוּת. וְעַל־כֵּן כְּשֶׁנִּכְלָל הַשִּׂמְחָה שֶׁל כָּל הַטּוֹבוֹת בְּיַחַד, אֲזַי אוֹר הַשִּׂמְחָה גָּדוֹל מְאֹד עַל־יְדֵי רִבּוּי הַהִתְנוֹצְצוּת מִזֶּה לָזֶה וּמִזֶּה לָזֶה כַּנַּ"ל.

וְזֶהוּ: וַיִּחַדְּ יִתְרוֹ עַל כָּל הַטּוֹבָה - שֶׁהָיָה שָׂמֵחַ מִכָּל הַטּוֹבוֹת בְּיַחַד. וְזֶהוּ: עַל כָּל הַטּוֹבָה, כִּי הָיָה מִסְתַּכֵּל לְמַעְלָה עַל כָּל הַטּוֹבָה, הַיְנוּ עַל הַשֹּׁרֶשׁ, שֶׁשָּׁם הַכֹּל אֶחָד, וְשָׁם נִכְלָלִין כָּל הַשְּׂמָחוֹת יַחַד, וְעַל־כֵּן הָיָה שָׂמֵחַ עַל כָּל הַטּוֹבוֹת בְּיַחַד כַּנַּ"ל.

הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א דָאס מַסְבִּיר גֶעוֶוען: בַּיי סְתַּם מֶענְטְשְׁן וֶוען זֵיי גֵייעֶן צוּ אַ שִׂמְחָה פְרֵייעֶן זֵיי זִיךְ נִישְׁט פוּן דִי גַאנְצֶע שִׂמְחָה אִינְאֵיינֶעם נָאר פוּן אַ חֵלֶק פוּן דִי שִׂמְחָה, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, מֶען גֵייט צוּ אַ חֲתוּנָה, אֵיינֶער אִיז פְרֵיילִיךְ נָאר פוּן דִי גוּטֶע עֶסְן וָואס עֶר עֶסְט, דִי פְלֵיישׁ אוּן פִישׁ, אֵיינֶער אִיז פְרֵיילִיךְ נָאר פוּן דִי מוּזִיק וָואס עֶר הֶערְט שְׁפִּילְן, עֶר קֶען אַ גַאנְצֶע חֲתוּנָה שְׁטֵיין בַּיי דִי מוּזִיק קוּקְן וִוי אַזוֹי מֶען שְׁפִּילְט, וַוייל דָאס אִיז זַיין שִׂמְחָה, נָאכְדֶעם זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס פְרֵייעֶן זִיךְ מִיט דִי שִׂמְחָה אַלֵיינְס, דָאס זֶענֶען דִי מְחוּתָּנִים, זֵיי גֵייט נִישְׁט אָן דִי עֶסְן אוּן טְרִינְקְן, זֵיי פְרֵייעֶן זִיךְ מִיט דִי חֲתוּנָה אַלֵיינְס אַז זֵיי זֶענֶען זוֹכֶה חֲתוּנָה מַאכְן זֵייעֶר קִינְד, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, אָבֶער עֶס אִיז נִישְׁט דָא קֵיינֶער וָואס פְרֵיידְט זִיךְ מִיט אַלֶע טוֹבוֹת אִינְאֵיינֶעם. אֲפִילוּ דֶער וָואס פְרֵיידְט זִיךְ שׁוֹין יָא מִיט אַלֶעס פוּן דִי חֲתוּנָה אִיז אוֹיךְ זַיין שִׂמְחָה צֶעטֵיילְט, עֶר פְרֵיידְט זִיךְ מִיט יֶעדֶע זַאךְ בַּאזוּנְדֶער, קוֹדֶם מִיט דִי חֲתוּנָה אַלֵיינְס נָאכְדֶעם מִיט דִי עֶסְן וְכוּ', אוֹיךְ זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס בַּיי זֵיי אִיז דִי גַאנְצֶע חֲתוּנָה גָאר אַ צַעַר, וַוייל עֶר אִיז מְקַנֵּא פַארְוָואס הָאט יֶענֶער בַּאקוּמֶען דֶעם שִׁידוּךְ, פַארְוָואס נִישְׁט אִיךְ.

דָאס שְׁלֵימוּת אוּן גְרוֹיסְקֵייט פוּן שִׂמְחָה אִיז, אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זַיין אַזוֹי פְרֵיילִיךְ, עֶס זָאל אִים דֶערפְרֵייעֶן אַלֶע טוֹבוֹת אִינְאֵיינֶעם. אָבֶער וִוי

אַזוֹי קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין דֶערְצוּ? - זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי: צוּ דֶעם קֶען מֶען נָאר זוֹכֶה זַיין אוֹיבּ מֶען גְלֵייבְּט אַז אַלֶעס קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז דֶער מֶענְטְשׁ גְלֵייבְּט אַז אַלֶעס קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער שִׁידוּךְ אִיז גֶעוֶוען בַּאשֶׁערְט פַאר יֶענֶעם, פַאר מִיר אִיז אוֹיךְ דָא אַ שִׁידוּךְ וְכוּ׳, אוּן מֶען הָאט שׁוֹין נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן - דַאן אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ אַן אֱמֶתְ׳עֶ שִׂמְחָה, זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט אַלֶע טוֹבוֹת אִינְאֵיינֶעם. דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק: ״וַיִּחַדְּ יִתְרוֹ עַל כָּל הַטּוֹבָה״, יִתְרוֹ הָאט זִיךְ גֶעפְרֵיידְט מִיט אַלֶע טוֹבוֹת אִינְאֵיינֶעם (׳וַיִּחַד׳ - אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן ׳בְּיַחַד׳, אִינְאֵיינֶעם), וִוי אַזוֹי? וַוייל עֶר הָאט גֶעגְלֵייבְּט אַז אַלֶעס קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְפַאר אִיז נִישְׁט שַׁיָּיךְ צוּ מְקַנֵּא זַיין (׳עַל כָּל הַטּוֹבָה׳ - מֵיינְט, עֶר הָאט גֶעקוּקְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס פוּן אִים קוּמְט אַלֶעס).

זָאגְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א: אַ מֶענְטְשׁ וָואס לֶעבְּט נִישְׁט מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס דַאכְט זִיךְ אִים אַז דִי וֶועלְט פִירְט זִיךְ מִיט אַ טֶבַע, מִקְרֶה אוּן מַזָל, דֶער קֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט וֶוערְן פְרֵיילִיךְ, עֶר הָאט אַ גַאנְצֶע זַאק מִיט קַשְׁיוֹת אוֹיפְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: ׳פַארְוָואס הָאט יֶענֶער שׁוֹין גֶעטְרָאפְן אַ שִׁידוּךְ פַאר זַיין זוּן אוּן אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט גֶעטְרָאפְן׳, ׳פַארְוָואס הָאט יֶענֶער אַ בֶּעסֶערֶע וַוייבּ פוּן מִיר׳, ׳פַארְוָואס הָאט יֶענֶער אַ בֶּעסֶערֶע פַּרְנָסָה פוּן מִיר׳, ׳פַארְוָואס אִיז מַיין חַבֵר מֶער גֶעלוּנְגֶען פוּן מִיר אַז עֶר הָאט שׁוֹין גֶעעֶפֶענְט אַן אֵייגֶענֶעם בִּיזְנֶעס׳, ׳פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ נִישְׁט אַזַא טַאטֶע אוּן שְׁוֶוער וָואס יֶענֶער הָאט, זֵיי הֶעלְפְן אִים כְּסֵדֶר׳, ׳פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ נִישְׁט קַיין קִינְדֶער אוּן מַיין חַבֵר הָאט יָא קִינְדֶער׳, [דָא הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א בַּאמֶערְקְט: אִיךְ דַאנְק אוּן לוֹיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ מַאךְ בְּקָרוֹב חֲתוּנָה מַיין צְוֵוייטֶער זוּן נֵרוֹ יָאִיר; אִיךְ גֶעדֶענְק נָאךְ וֶוען אִיךְ הָאבּ חֲתוּנָה גֶעהַאט הָאט זִיךְ דֶער יֵצֶר הָרָע אַרַיין גֶעכַאפְּט אִין מִיר, אַזוֹי וִוי עֶר כַאפְּט זִיךְ אַרַיין בַּיי אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן, אוּן מִיר צֶעבְּרָאכְן מִיט נַארִישֶׁע מַחֲשָׁבוֹת, עֶר הָאט מִיר אָנְגֶעשְׁרָאקְן ׳אֶפְשָׁר

וָועסְטוּ נִישְׁט הָאבְּן קַיין קִינְדֶער...׳ בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז אִיךְ הַאלְט שׁוֹין דָא, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעשָׁאנְקְן קִינְדֶער אוּן יֶעצְט גְרֵייט אִיךְ זִיךְ שׁוֹין צוּם צְוֵוייטְן זוּנ׳ס חֲתוּנָה בְּשָׁעָה טוֹבָה וּמֻצְלַחַת.], ׳פַארְוָואס הָאט יֶענֶער מֶער גֶעלוּנְגֶענֶע קִינְדֶער פוּן מִיר׳, וְכוּ׳, וְכוּ׳, דֶערְפַאר דַארְפְן מִיר הַאלְטְן אִין אֵיין חַזֶר׳ן: ׳דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט אַלֶעס, טוּט אַלֶעס אוּן אִיז אַלֶעס; קַיין שׁוּם זַאךְ פַּאסִירְט נִישְׁט פוּן זִיךְ אַלֵיינְס, נִישְׁטָא קַיין פֶּערְצוּפַאל, נִישְׁטָא קַיין טֶבַע, מִקְרֶה אוּן מַזָל׳, אַז מֶען נֶעמְט דָאס אַרַיין אִין זִיךְ דַאן קֶען מֶען זַיין אֱמֶת׳דִיג פְרֵיילִיךְ.

מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט בֶּעפָאר חוֹדֶשׁ אֲדָר, דִי וָואךְ אִיז גֶעוֶועזְן מְבָרְכִים חוֹדֶשׁ אֲדָר, דַארְף מֶען זֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז פְרֵיילִיךְ וֶוערְט אָפְּגֶעהִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, וַוייל אַלֶע עֲבֵירוֹת קוּמֶען נָאר פוּן עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה. עֶס זֶענֶען דָא יְשִׁיבוֹת וָואס הָאבְּן זֵייעֶר מוֹרָא אוֹיב דִי בָּחוּרִים וֶועלְן וֶוערְן פְרֵיילִיךְ, אֶפְשָׁר וֶועלְן זֵיי דוּרְכְדֶעם צוּקוּמֶען צוּ ׳הוֹלְלוֹת׳ חַס וְשָׁלוֹם, אָבֶער דֶער רֶבִּי זָאגְט אַנְדֶערְשׁ, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק ב׳, סִימָן כד): עֶס אִיז גְרִינְגֶער אַרַיינְצוּפַאלְן פוּן אַ ׳לֵב נִשְׁבָּר׳ צוּ ׳עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה׳ חַס וְשָׁלוֹם, וִוי מֶען זָאל אַרַיינְפַאלְן פוּן ׳שִׂמְחָה׳ צוּ ׳הוֹלְלוֹת׳ חַס וְשָׁלוֹם. דֶעם חוֹדֶשׁ אִיז מֻתָּר לְכָל הַדֵּעוֹת צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, עֶס אִיז חוֹדֶשׁ אֲדָר, דַארְף מֶען טַאקֶע זֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אַלֶע כֹּחוֹת צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי׳ן, וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן, אָמֵן.